# פרשת בראשית

**בס"ד. שיחת כ"ח תשרי ה'תשמ"א – להתלמידים ולהתלמידות שיחיו**

(תרגום מרוסית)

אַזוי ווי עס זיינען פאראן אידישע קינדער, אינגעלעך אָדער מיידעלעך, וועלכע פארשטייען (דערווייל) נאר רוסיש, אייניקע פון זיי דא, ובמיוחד די וועלכע לעבן אין אַזעלכע מדינות ווי יו.ס.ס.ר. (רוסלאנד) וכדומה,

איז נעמענדיק אין אַכט, אַז מיר געפינען זיך יעצט אין אַ זמן פון איבערגאנג פון חודש תשרי אין חודש חשון –

וועט מען רעדן צו זיי על כל פנים בקיצור, עטליכע ווערטער, אויף רוסיש.

און איך האף, אַז דאס וועט דערגיין צו זיי, ובעיקר, אַז זיי וועלן דאס אויסנוצן ווי מען דארף עס אויסנוצן,

אויסנוצן דאס אַלס מיטגלידער פון דעם אויבערשטנ'ס אַרמיי, פון "צבאות השם".

וואס דעריבער געפינען זיי זיך אונטער דער פירערשאפט פון דעם "הויפט קאמאנדיר", פון דעם אויבערשטן, וועלכער האט געגעבן יעדערן פון אַייך און יעדערן פון אונז זיינע הוראות אין זיין הייליקער תורה – אין וועלכן אופן מען זאל מלחמה האבן און מנצח זיין דער יצר, ד.ה. די רצונות און אויפפירונגען וועלכע פאסטן ניט פאר דער אידישער נאטור און פארן אידישן כאראקטער, ובמילא – זיי פאסטן ניט פאר אַ אידישן אינגעלע אָדער אידישע מיידעלע, וואו זיי זאלן זיך נאר געפינען.

און עס איז פאראן אַ הבטחה און ברכה פון דעם אויבערשטן (פון דעם "הויפט-קאמאנדיר"), אַז "יגעת ומצאת".

אַז אויב נאר מען וועט האבן אַן אמת'ן רצון צו גיין לויט די אָנווייזונגען פון דעם אויבערשטן אין זיין תורה, וועט מען מנצח זיין אין דער מלחמה מיט יצר,

און מען וועט קענען לעבן דעם טאג-טעגליכן לעבן, אָנהויבנדיק דעם טאג מיט זאגן "מודה אַני לפניך מלך חי וקיים שהחזרת בי נשמתי בחמלה, רבה אמונתך", און ענדיקן דעם טאג זאגנדיק: "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד", און אין משך פון דעם גאנצן טאג זאל די אויפפירונג זיין אין אַלע פרטים לויט די הוראות פון דעם אויבערשטן.

דער ענין האָמור באקומט אַ ספּעציעלן חיזוק אין די איצטיקע טעג, ווען מיר קומען פון חודש תשרי.

במשך דעם חודש זיינען אַלע אידן, איר צוזאמען מיטן גאנצן אידישן פאלק אומעטום,



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת בראשית

געשטאנען אין אַ פאראייניקונג אין אַלע ספעציעלע ענינים פון חודש תשרי.

ראש השנה, אין אָנהויב פון יאר, אין מקיים זיין השם׳ס בקשה ״שתמליכוני עליכם״, אָננעמען אויף זיך די הערשאפט און די פירערשאפט פון דעם אויבערשטן,

וואס דערפון באקומט מען אַ חיזוק מיוחד אין דער עבודה פון ״צבאות השם״, ווארום דורך ״תמליכוני עליכם״, ווערט מען אַ טייל פון דער אַרמיי פון דעם אויבערשטן, ״מלך ישראל״, דער פירער און מלך פון אַלע אידן וואו נאר זיי געפינען זיך.

דערנאך, יום כפור, האט יעדערער פון אַייך און פון אונז זיך אומגעקערט אינערליך צו זיין מקור, און דעם מקור פון אַלץ וואס מיר האבן, וואס דאס איז דער אויבערשטער,

וואס דעמולט האט דער אויבערשטער פארגעבן אַלץ וואס איז געטאן געווארן ניט ווי עס דארף-צו-זיין —

וויל ער האט געזען אין הארצן פון יעדער אידן, אָנהויבנדיק פון גאר קליינע אינגעלעך און מיידעלעך, אַז זיי נעמען אויף זיך (פון דעם טאג און פון דעם מאמענט אָן) די התחייבות אויף דעם גאנצן יאר, צו אויספילן אַלע זיינע הוראות.

דערנאך, בחג הסוכות, זמן שמחתנו, איז אונטערגעשטראכן געווארן, אַז יעדער איד פאלגט נאך די הוראות פון תורה מיט אַן אמת׳ער שמחה,

און דערנאך דער סיום בשמחת תורה, ווען אַלע אידן טאנצן אומעטום, אַפילו אין די גאסן,

אין די גאסן פון מאסקווע און לענינגראד, אין די גאסן פון אַנדערע שטעט אין דער וועלט, כולל די גאסן פון ניו-יארק און ירושלים.

וואס פון דער שמחה נעמט יעדערער פון אַייך און איר אַלע צוזאמען מיט אונז, די שמחה אין מקיים זיין די הוראות פון תורה במשך פונעם גאנצן יאר,

און ווי ערקלערט פריער באַריכות (אין אידיש), נעמט אויף זיך דער אויבערשטער (דער ״הויפט-קאמאנדיר״) די התחייבות צו באזארגן יעדערן פון זיינע ״סאלדאטן״, אָנהויבנדיק פון די אידישע קינדער, אינגעלעך אָדער מיידעלעך, וואו זיי זאלן זיך נאר געפינען.

און ווי שוין דערמאנט אַ סאך מאל, איז עס גאראנטירט דורך דער קאנסטיטוציע פון אַלע מדינות פון דער וועלט, כולל פון די ״יונייטעד-סטייט׳ס״, פון יו.ס.ס.ר. (דער פארבאנד פון די סאוועטישע רעפובליקעס בכלל, כולל די אוקראינער סאוועטישע



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת בראשית

רעפּובליק, און אַלע אַנדערע רעפּובליקעס וועלכע שטעלן צוזאמען דעם פארבאנד) — אַז יעדערער האט די פולע פרייהייט און רעכט צו פירן זיין פּריוואטן לעבן לויט ווי זיין הארץ דיקטירט אים,

ד.ה. אַז יעדער אידישער אינגעלע אָדער אידישע מיידעלע (און אויך — ערוואקסענע) האבן די פולע רעכט צו לעבן לויט ווי זייער אידישע הארץ דיקטירט זיי, צו לעבן דעם טאג-טעגליכן לעבן לויט די אָנווייזונגען פון דעם אויבערשטן אין זיין תורה.

און נאכמער: די קאנסטיטוציע הייסט און זאגט אָן צו אַלע פארשטייער פון דער מאכט, ומסתמא וועלן זיי דאס דורכפירן בפועל, זיי זאלן טאן אַלץ, אַז יעדערער פון אַייך און איר אַלע צוזאמען זאלט קענען יעדן טאג פון יאר לערנען תורה און מקיים זיין מצוות (די הוראות פון תורה), אָן קיינע שטערונגען.

און מען זאל טאן אין דעם אַלעם בשמחה ובטוב לבב, מיט אמת׳ע שמחה,

און דאס וועט ברענגען מיט זיך די ברכות פון דעם אויבערשטן, אין כל המצטרך.

———— • ————


© 2001 Jewish Educational Media, Inc.